# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פורים שנת תשפ"ד לפ"ק**

## • והיה כי ישאלך בנך •

### תוכן הדברים שהשיב כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
### על שאלות בנושאים שונים שעלו על שלחן מלכים
### כטוב לב המלך ביין, בעריכת השולחן יום הפורים תשפ"ד לפ"ק

בסיום שלחן הטהור אחר ברכת המזון פתח **רבינו שליט"א** ואמר: 'איך בין גוט אויפגעלייגט יעצט, ווער עס וויל עפעס פרעגן, קען פרעגן, און איך וועל פראבירן צו ענטפערן אויף וואס מען פרעגט'. וקרוב לשעה שלש לפנות בוקר, השיב **רבינו שליט"א** על שאלות בענינים שונים למשך שעה.

*

**פון ווען דארף א מענטש אנהייבן אויסצוהערן שידוכים, פאר די זון, און פאר די טעכטער?**

**שידוכים** איז געווארן זייער שווער, עס מאכט זיך נישט קיין שידוכים יעדן טאג, און מען זעהט אסאך און אסאך וואס ווארטען אויף שידוכים. מען דארף אנהייבן אויסצוהערן שידוכים ביי די ערשטע געלעגנהייט וואס מען האט, סיי ביי א זון, און סיי ביי א טאכטער. און נישט ווארפן זיך מיט קיין שידוכים! ווען מען הייבט אן מיט שידוכים טראכט מען, דעס וועל איך טון? עה, עס קען זיין בעסער. און נאכדעם טראכט מען, אז עס וועט זיין נאך בעסערס. און ווען עס גייט אדורך א יאר צוויי וכדומה, זאגט מען הלואי וואלט איך געטון די ערשטע שידוך וואס מען האט מיר אנגעטראגען. - מען דארף זיך נישט ווארפען מיט שידוכים. ווען עס קומט א שידוך וואס עס פירט זיך מן השמים, עס געפעלט ביידע צדדים, דארף מען זעהן ווי פריער אז מען זאל א שידוך טון. סיי ביי א זון, און סיי ביי א טאכטער.

*

**וואס איז די דעת תורה פון רבינו שליט"א וועגן סקיפ"ן א עלטערע ברודער ביי שידוכים?**

**יעדער** מענטש האט א מצוה אויף זיך, אז ער דארף חתונה האבן, עס האט נישט צוטון מיט די טאטע אדער די מאמע. בן שמונה עשרה לחופה רעדט מען נישט פונעם טאטן, מען רעדט פון אים. יעדער יוד ווען ער ווערט אכצן יאר איז מחוייב, אז ער דארף זוכען א שידוך פאר זיך. עס איז היינט נאר אויסגעשטעלט, אז די עלטערן טוען די שידוכים פון די קינדער. אבער דער טאטע און מאמע זענען נאר שלוחים פונעם קינד צו טון וואס איז פאר זיין טובה. עס איז נישט נוגע צו ער האט א עלטערע ברודער אדער א עלטערע

שוועסטער, עס איז דיין מצוה. און דיין מצוה איז, אז דו דארפסט זוכען א שידוך. דו קענסט נישטווארטען ביז דיינע פריערדיגע געשוויסטער וועלן טון א שידוך. א שידוך וואס מען טראגט אן, דארף מען זעהן צו טון. און מען האט געזעהן צענדליגע מאל אז דער אייבערשטער האט אסאך מאל צוריקגעהאלטען א שידוך פון די עלטערע קינדער, אבער נאכדעם וואס עס האט זיך געעפענט די פתח, אז א יונגערע קינד האט געמאכט א שידוך, איז געווארן א שידוך ביי די אנדערע אויך.

**מען דארף זארגען אז דער עלטערער איז מקפיד?**

**עס** טוט טאקע ווי, קיינער קען נישט אוועקנעמען אז ווען א יונגערע האט געטון א שידוך, האט מען ווי געטון פארן עלטערן. אבער עס איז א נארישע ווייטאג, ווייל יעדע שידוך איז אנגעשריבן אויבן אין הימל. ווען א מענטש איז געבוירן געווארן, איז אנגעשריבן געווארן בת פלוני לפלוני, און אויב דאס איז זיין שידוך וואס איז אים צוגעשריבן, איז נישט נוגע צו דער ברודער איז מסכים צו די שוועסטער איז מסכים. פאר אים איז צוגעשריבן זיין שידוך, און פאר זיין ברודער איז צוגעשריבן זיין שידוך. און ווען עס וועט אנקומען די צייט פון יעדן איינעם, וועט דער אייבערשטער העלפן אי"ה אז אלע וועלן טון זייערע שידוכים.

*

**ווי אזוי ווייסט מען ווער עס איז א צדיק אמת?**

**מען** ווייסט נישט, ווייל מען קען נישט וויסן. כי אדם אין אדם צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (קהלת ז-כ), א מענטש קען קיינמאל נישט וויסן ווער עס איז א צדיק אמת, און ווער עס איז נישט. דאס ווייסט איין רבונו של עולם. אבער אונז דארף מיר טראכטען, וואס אונז זעה מיר פאר אונזערע אויגן. אז מען זעהט א ציבור יודען זענען מחשיב דעם מענטש, און מען האט קיינמאל נישט געהערט אויף אים, אז ער טוט א זאך וואס איז שלא כהוגן. מען זעהט אז ער זיצט באהלה של תורה, ער דינט דעם אייבערשטען, איז עס מיט תורה, איז עס מיט עבודה, איז עס תפלה, איז עס גמילת חסדים, מען זעהט אז ער איז א איש מורם מעם, קען מען פון אים מקבל זיין.

**הבדחן הר"ר נחמן ליווי הי"ו: היינט איז א וועלט פון אינטערנעט. אינטערנעט מיינט, אז די גאנצע וועלט איז אפען. און עס דרייט זיך ארום א בחור, און ער טראכט צו זיך, אז ער איז דבוק אין א העכערע זאך, ער איז דבוק אין א צדיק, וואס יעדע ריר זיינער איז א חשבון פון וואס וויל דער אייבערשטער פון מיר יעצט. און מיטאמאל ווערט ער געוואר, אז אלעס ארבעט דא מיט לשיטתו'ס. דו ווייסט פארוואס ער האט דאס געטון? אונטער דעם ליגט א פאליטישע חשבון פון דא, און אונטער יענץ ליגט א פאליטישע חשבון פון יענץ. און פאר דעם האט ער געזאגט אזוי, ווייל ער האט א הסכם מיט יענעם. וואס טוט מען דא?**

**איך** וועל דיר ענטפערן דערויף זייער פשוט. אונז זענען נישט אין הימל, אונז זענען אויף 'די' וועלט. און דער רבונו של עולם האט צוגעשטעלט פאר יעדן דור, דור דור ודורשיו (סנהדרין לח:), יעדער דור האט זיינע דורשיו. אין יעדן דור זענען דא צענדליגע דורשיו וואס דער אייבערשטער האט צוגעשטעלט. און דער אייבערשטער האט צוגעשטעלט פאר יעדן יוד, וואו ער זאל זיך וועלן דרייען, זאל ער האבן 'זיינע' דורשיו. אונז אינטערעסירט נישט, אונז גיי מיר נישט מעסטען יעצט, ווען א מענטש האט חשבונות, און ער האט סיבות וכדומה, דאס איז א זייטיגע זאך. עס מאכט אים נישט קיין גרעסערע צדיק, און א קלענערע צדיק. אויב ער איז א עובד ה', און דאס וואס ער שטייט בראש פון א ציבור, איז ווייל ער וויל משפיע זיין תורה און יראת שמים פאר יודען, און יודען פילן א געוויסע נאנטקייט, אז זיי קענען פון אים מקבל זיין, דארפן זיי מקבל זיין.

**מען** האט קשיות? יא, מען האט קשיות! אונז האב מיר אויך געהאט קשיות אויף אונזערע רבי'ס. מען רעדט פון פופציג יאר צוריק, און פון הונדערט יאר צוריק, מען האט געהאט קשיות. מען זאל

ניסט מיינען אז עס איז היינט געבוירן געווארן, אז היינט האט מען שאלות וכדומה, עס איז אייביג געווען. ווייל א מענטש איז א מענטש, און יעדער מענטש האט זיינע נגיעות, און יעדער מענטש האט זיינע סיבות פארוואס ער זאגט אזוי. און עס איז נישט קיין הכרח וואס דו טייטשסט אפ אז עס איז נגיעות, איז ביי יענעם געווען נגיעות. דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז דאס זענען די דורשיו פונעם כלל ישראל.

**אונז** האב מיר גערעדט דעם שבת ביי שלש סעודות, דער הייליגער **יערות דבש** שרייבט (ח"א דרוש ג' דף פח:), אז אמאל איז דער אייבערשטער משרה זיין שכינה אפילו אויף א סנה. א סנה ווייסט מען וואס עס איז. יא, דאס האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן, אז ער וויל דארט משרה זיין, זיין שכינה. אלע מנהיגי ישראל וואס איז היינט דא, איך רעד נישט פון הונדערט יאר צוריק, נאר פון היינט, דאס האט דער אייבערשטער זיי געשטעלט. עס איז נישט דא קיין זאך אויף די וועלט וואס קומט פון זיך אליין. צו ער איז קלענער, צו ער איז גרעסער, דאס איז נישט נוגע פאר אונז. די זענען די דורשיו פונעם היינטיגען דור. ווען דו ווערסט זיין אליין פאר זיך, ווערסטו אנקומען אסאך ווייניגער, ווי ווען דו ווערסט זיך דרייען ביי די דורשיו. ווען א מענטש האט א געוויסע נאנטקייט, און ער פילט א געוויסען קשר צו א געוויסע צד, דארף ער עס אנכאפן מיט די צוויי הענט, און זיך מקשר זיין. דאס איז דער פלאץ ווי דו קענסט מקבל זיין ערליכקייט, דארפסטו גיין מיט דעם ווייטער.

**עס איז דא אזא מושג פון כד רגיז רעיא על ענא, עביד לנגדא סמותא** (בבא קמא נב.)? [וברש"י סמותא, לעז המושכת, מנקר עיניה, ונכשלת ונופלת בבורות, והעדר אחריה. כך, כשהמקום נפרע משונאי ישראל, ממנה להן פרנסים שאינן מהוגנין].

**יא**, אמת, עס איז דא אזא זאך, אבער עס האט נישט צוטון מיט אונז! יא, עס איז דא אמאל וואס דער אייבערשטער שטעלט א מנהיג וואס זאל פארפירן די שעף וואס קומען אונטער אים. אבער בדרך כלל, דער רבונו של עולם איז א גוטער, ער מאכט נישט אזעלכע זאכען, ער מאכט נישט קיין שטיקלעך, ער מאכט נישט צו פארפירן יודישע קינדער. ווער עס גייט אויף דעם וועג, האט נישט ארויפגעצאלט. ער האט זיך מדבק געווען צו א ערליכען יוד, דאס איז געווען זיין מנהיג, אים האט ער געפאלגט, מען רעדט פון ערליכע יודישע קינדער, מען רעדט פון מנהיגי ישראל, וואס זענען מדקדק בקלה כבחמורה אויף יעדע זאך אין די תורה. יא, דאס האט דיר דער אייבערשטער צוגעשטעלט, און דאס זענען די מנהיגים פונעם היינטיגען דור. צו עס געפעלט דיר, צו נישט, דער רבונו של עולם האט עס צוגעשטעלט. נישט דו האסט עס אויסגעקליבן.

**ביז ווי ווייט דארף דער מנהיג גיין, כדי איך זאל זאגן עד כאן, דאס שוין נישט?**

**דאס** האט נישט צוטון מיט דיר, דער מנהיג דארף טון ווי אזוי ער פארשטייט לפי שכלו, וואס ער האט צוטון. - דו דארפסט פארשטיין, עס קומט נישט פאר יעדן אן גרינג צו פירן יודישע קינדער. דו זאלסט נישט מיינען אז עס איז א האב"י, און עס גייט אזוי גרינג. דער אייבערשטער האט אים אויסגעקליבען אז ער איז דער מנהיג פון א געוויסע חלק פון כלל ישראל, ער טראכט שטענדיג, וואס קען איך בעסער מאכן מיין ציבור, און וואס איך קען זיי ארויסהעלפן. ביי יעדע זאך וואס ער טוט, ביי יעדע זאך וואס ער רעדט, טראכט ער, ווי אזוי איך קען אויפהייבן מיין ציבור, וואס הערן צו מיינע ווערטער.

*

**אונז האב מיר געהערט יעצט ז' אדר, און אונז הער מיר כסדר פונעם רבי'ן די וויכטיגקייט אז יעדע טאטע און מאמע זאלן אריינלייגען אין די קינדער, צו האבן כבוד פאר תלמידי חכמים און דעת תורה. חוץ פון דעם אז די עלטערן זאלן נישט רעדן אויף תלמידי חכמים, וואס נאך קענען עלטערן טון, אריינצולייגען אין די קינדער צו פארשטיין די וויכטיגקייט פון צוהערן דעת תורה, צו טיטשערס, רבי'ס, און מנהלים?**

**דו** דארפסט גארנישט טון פאר די קינדער, דו דארפסט נאר טון פאר דיר אליין. ווען קינדער זעהן

ביי עלטערן ווי אזוי זיי זענען מחשיב א צווייטען, ווערט עס חשוב אין די אויגן פון די קינדער. אויב די עלטערן זענען נכנע אונטער תלמידי חכמים, זיי זענען נכנע אונטער זייערע רבי'ס, דארף מען גארנישט טון. אן א ווארט, און אן דעם וואס מען רעדט, איז עס פועל אויף די קינדער.

**אונז** זענען געוואקסן קינדער. איך געדענק נישט אז מיין טאטע ז"ל זאל מיר אמאל זאגן, אז מען דארף אויסהערן וואס תלמידי חכמים זאגען, און מען דארף זיין נכנע אונטער זיי. עס איז געווען א זאך וואס איז געווען נארמאל אין שטוב. ווען אונז פלעג מיר גיין צו א אדם גדול, עס פלעגט אסאך מאל קומען א אדם גדול אין די שטאט, און דער טאטע פלעגט אונז שטענדיג מיטנעמען. ווען עס איז געקומען איינער, האט ער גענומען די קינדער זאלן מיטגיין. און ער פלעגט צו זאגען, מען גייט אריין אינעם שטוב, געב שלום, געב א קוש אין דער האנט, און זיי מקבל א ברכה. דאס איז געווען שטענדיג וואס ער האט אנגעזאגט פאר די קינדער. און עס איז געווען אזוי איינגעבאקען אין אונז, מען האט געוואוסט, יא, עס קומט א אדם חשוב, עס קומט א אדם גדול, דארף מען גיין מקבל פנים זיין. מען האט נישט געדארפט זאגען, מען האט נישט געדארפט לערנען דערויף, עס איז געווארן איינגעזאפט דורכן וועג ווי אזוי די עלטערן אינעם שטוב האבן זיך געפירט. דאס איז דער וועג ווי אזוי קינדער זאלן נתחנך ווערן.

**איך רעד מער אין א נידריגע לעווע"ל, ווי רבי'ס, טיטשערס, מנהלים?**

**איך** וועל דיך פרעגן. א קינד קומט אהיים פון סקול, און זאגט, אז מען האט געזאגט אזוי און אזוי. און די מאמע רופט זיך אן מיט איין ווארט, דע"י א"ר סטופי"ד! דו דארפסט שוין גארנישט טון, דו האסט אפגע'שחט'ן דאס קינד. עס איז סטופי"ד וואס די טיטשער האט געזאגט, עס איז נאריש וואס מען האט פארלאנגט. וואהא, דאס האט מען געבעטן?! דע"י אר נאא"ט נארמא"ל! דו קענסט האלטן ביי זיך אזוי, אבער מיט דעם וואס מען האט עס געזאגט פאר די קינדער, האסטו אפגע'שחט'ן דאס קינד.

**פון** די אנדערע זייט, ווען עס איז פארקערט. ווען דאס קינד קומט אהיים, און זאגט, אז מען האט געזאגט אין סקול אז מען דארף טון אזוי און אזוי, און די מאמע זאגט, מען האט געזאגט אזוי? פיין. מארגען גייט מען אזוי טון. דאס איז די גרעסטע חינוך וואס מען גיט פאר א קינד. חינוך איז, וואס עלטערן טוען, דאס איז דער וועג ווי אזוי קינדער ווערן נתחנך.

**ווען עלטערן פילן אז היו לא תהיה וואס מען פארלאנגט?**

**נעם** ארויס דיין קינד פון סקול. זיי אים מחנך אליין. אז דו ביסט אין סקול, און דו ווילסט אז דאס קינד זאל מחונך ווערן דארט, עס האט נישט צוטון צו דו פארשטייסט עס, צו נישט. דאס קינד דארף וויסן, אז זי איז אויף דעם פלאץ, און דא דארף ער מחונך ווערן אזוי. דו ביסט נישט צופרידן? קיינער צווינגט דיך נישט צו האלטן דיין קינד דארט, געב אים אריין אין בית יעקב, געב אים אריין ערגעץ אנדערש. אבער טאמער געפונט ער זיך אין א פלאץ, און דאס איז דער וועג ווי אזוי מען איז מחנך דא, טאמער דו טוסט נישט מיטהאלטן מיט די וועג ווי אזוי מען איז מחנך דא די קינדער, האסטו גע'הרג'ט דאס קינד, ווייל דאס קינד איז נישט מקבל קיין חינוך נאכדעם.

**די זעלבע איז אויך ביי השקפה? דאס קינד קומט אהיים, אז דער מלמד האט געזאגט א זאך אין השקפה?**

**יעדע** זאך איז די זעלבע, מען קען נישט אוועקמאכען וואס א מלמד האט געלערנט. לו יהא דו מאכסט עס אוועק, דו האלסט נישט דערפון, נעם ארויס דיין קינד, שיק אים ערגעץ אנדערש. אבער טאמער דו ווילסט אז דיין קינד זאל מקבל זיין א הדרכה פון וואו ער לערנט, מוזטו געבן סאפאר"ט דערויף, דו מוזט מיטהאלטן. יא, דער רבי האט אזוי געזאגט, דארף מען זיך אזוי פירן. איך פארשטיי נישט, פארשטיי איך נישט, אבער עכ"פ דאס קינד וועט וויסן, אז ער דארף פאלגן זיין רבי.

*

**מען מעג לערנען נ"ך?**

**אוודאי** מעג מען לערנען נ"ך. עס איז א חלק פון די תורה הק'. פארוואס האט מען עס געשריבן? כדי עס זאל בלייבן אין שאנק?! עס איז געשריבן געווארן כדי א יוד זאל לערנען תורה נביאים וכתובים.

**עס** איז געווען צייטן וואס מען האט נישט געלערנט קיין נ"ך, דאס איז געווען ווייל די משכילים האבן זיך ארייגעלייגט דערין, און עס האט געברענגט צו השכלה. און מען האט געהאלטן אז די וועג צו מונע זיין השכלה איז, אז מען וועט זיך מונע זיין פון לערנען נ"ך. היינט איז נישט דא קיין השכלה, איז א מצוה רבה, אז מען דארף קענען תורה נביאים וכתובים. ויתן אל משה ככלותו לדבר אתו (שמות לא-יח), זאגט רש"י, ככלתו, אזוי ווי א כלה האט כ"ד קישוטין (ישעיה ג-יח), האט דער אייבערשטער געגעבן פאר משה רבינו כ"ד ספרי קודש ער זאל עס לערנען מיט כלל ישראל.

*

**וואס איז דער סדר פאר א יונגערמאן אדער א בחור אז ער זאל לערנען און קענען די הלכות וואס זענען מצויות בכל יום?**

**די** הלכות וואס זענען מצויות בכל יום, דארף יעדער יוד קענען. אז נישט קען מען נישט זיין קיין יוד, א יוד איז טייטש, אז ער איז מקיים אלע מצות פון די תורה, ווי עס דארף צו זיין. וועגן דעם האט מען געמאכט דעם סדר אז מען זאל לערנען **קיצור שלחן ערוך**, אז מען לערנט אדורך דעם גאנצן קיצור שלחן ערוך, בדרך כלל ווייסט ער וואס ער האט צו טון. ער ווייסט ווי אזוי צו זיין א נארמאלער יודישער יוד, וואס איז מקיים אלע מצות פון די תורה. ער קען נישט אלע פרטים פון די הלכות, ער ווייסט נישט פארשידענע שאלות וואס וועט זיך מאכן, ער מוז נישט אלעס קענען, דעמאלטס וועט ער פרעגן א שאלה. אבער די יסודות פון יודישקייט, צו קענען קיצור שלחן ערוך, איז א מאס"ט (חוב) פאר יעדן יונגערמאן צו קענען.

*

**צו דארף מען עוסק זיין אין לימוד תורת הקבלה?**

**וואס** קען איך דיר ענטפערן אויף א זאך וואס איך קען נישט אליין... אוודאי איז זייער חשוב תורת הקבלה, קיינער קען דאס נישט אוועקנעמען, און עס האט א געוואלדיגע ענין ווער עס קען זוכה זיין דערצו. הלואי זאל איך אנקומען קודם צו תורת הנגלה, און נאכדעם וועלן מיר זעהן אי"ה וואס עס טוט זיך אין תורת הקבלה. מען גייט שטאפלוייז. מען דארף אנקומען אין תורת הנגלה וויפיל מען קען, און ווען דער אייבערשטער העלפט אי"ה אז מען האט דאס געענדיגט, קען מען צוגיין מיט א שטאפל ווייטער צו תורת הקבלה. - איך בין זייער מחשיב די אלע וואס לייגען זיך אריין אין קבלה. אז זיי קענען, זיי האבן עס באוויזען, אשרי להם ואשרי חלקם.

*

**וואס איז דער וועג ווי אזוי מען דארף לערנען? אז מען זאל קענען ענטפערן אויף א בחינה, אדער מען זאל קענען אפזאגען די גאנצע גמרא, צו אויפן לשון, אדער שקלא וטריא.**

**מען** דארף קענען גוט וואס מען לערנט. אז מען קען גוט וואס מען לערנט, קען מען ענטפערן אויף א בחינה, און אז מען קען נישט וואס מען האט געלערנט, איז די בחינה גארנישט ווערט.

**אמאל** האט מען מדקדק געווען אז מען זאל קענען מיטן לשון, עס איז היינט שוואכערע דורות, מען דארף קענען גוט די בלאט גמרא תוספות. ער זאל קענען אפזאגען, אז רבה האט געזאגט אזוי, און די גמרא פרעגט א קשיא פון א ברייתא, און די גמרא האט געענטפערט איין תירוץ, צוויי תירוצים. און די גמרא האט געפרעגט א קשיא פון א צווייטע ברייתא, און ווייטער עס פארענטפערט. קענען וואס עס שטייט אין די גמרא. און אז ער קען, זאל ער עס לערנען מיט תוספות אויך. תוספות פרעגט א קשיא פון יענע

סוגיא וואס שטייט אזוי. און די תירוץ איז, אז יענע סוגיא רעדט פון דעם זאך, און ער רעדט פון א צווייטע זאך.

*

**פון וואו קומט דעם נוסח פון רבינו שליט"א ביי שמונה עשרה?**

**עס** שטייט אזוי אין סידור... איך דאווען נאר וואס עס שטייט אין סידור [סידור בארדיטשוב]. עס איז דא הונדערטער נוסחאות, יעדער מענטש האט זיך צוגעוואוינט צו זיין נוסח. איך בדרך כלל דאווען דו קורצסטע נוסח וואס איז דא אין שמונה עשרה, כדי איך זאל נישט אויפהאלטן דעם עולם ווען מען ווארט אויף מיר.

*

**ווי שטארק דארף מען זיך מחזק זיין מיט חבורות?**

**היינטיגע** צייטן איז חבורות א מאס"ט, עס איז נישט א זאך וואס דו טוסט א טובה. עס האט זיך געטוישט די וועלט. ווילאנג א מענטש האט נישט א חבורה מיט וועם ער איז מחובר, מיט וועם ער האלט זיך צוזאם, פארלירט ער זיין יודישקייט. די וועלט איז זייער אראפגעזינקען, מען דארף האבן אסאך כוחות און חיזוק אז מען זאל זיך קענען האלטען. אשרי די וואס מאכען חבורות צווישן זיך, אז יונגעלייט קומען זיך צוזאם, עכ"פ איינמאל א וואך, און מען זיצט, און מען זינגט, און וואס מען זאל טון, און רעדן דברי תורה, און מען זאל זיך האלטען צוזאמען. עס איז אין לשער דעם גרויסן תועלת וואס א חבורה האט.

**וואס** מען קען טון, און מען פארשטייט אז עס איז א תועלת פאר יודישקייט, האט עס א געוואלדיגע חשיבות. מען טאר נישט נאכלאזן דערפון, אדרבה יעדע חבורה דארף זיין א ערליכע חבורה, און א הייליגע חבורה. עס קען זיין א קהלה פון הונדערטער יודען, דארף זיין צענדליגע חבורות אין די קהלה אליין, וואס מען זאל זיך צוזאמהאלטען חברים צוזאמען, און זיך צוזאמקומען יעדע וואך, און מען זאל קענען שטייגען איינער פונעם צווייטען.

**ווילאנג דארף מען זיך צוזאמקומען, א האלבע שעה, אדער א שעה?**

**עס** איז נישט א נפקא מינה, אפילו א האלבע שעה א שעה א וואך, העלפט עס. וויבאלד ער ווייסט אז ער איז צוגעבינדען צו א חבורה, ווייסט ער אז ער דארף זיך צושטעלן. אז מען קען, וואלט עס געדארפט זיין יעדע וואך, א ליל שישי, צו כדומה, צו איינמאל אין די וואך זיך צוזאמקומען ביי איינעם אין שטוב, און האבן א חבורה צוזאמען, עסן בונדלעך, און עסן ניסלעך, און דאס האלט צוזאם די חבורה צוזאמען.

*

**רבינו שליט"א האט געזאגט שמחת תורה** (בהדרשה לפני ההקפות)**, אז בשעת מען טאנצט הקפות, זאל מען נישט קוקען אויף די חברים, און מען זאל נישט קוקען אויפן רב, נאר טאנצן פארן אייבערשטען. איז דאס א כלליות'דיגע הוראה, אז ווען מען דינט דעם אייבערשטען זאל מען נישט קוקען אויף אנדערע, אדער איז עס א פרטיות'דיגע הוראה?**

**עס** איז א כלליות'דיגע הוראה. א מענטש פילט א געוויסע דערהויבנקייט וואס ער דארף צו טון, און ער טוט זיך צוריקהאלטען, ווייל דער חבר טוט נישט אזוי, ניין, דו טארסט עס נישט טון. האלט דיך נישט צוריק ווייל דיין חבר טוט עס נישט. דו ביסט דערביי, דארפסטו עס טון. דארפסט גארנישט קוקען אויף א צווייטען. זיי א מענטש פאר דיר. דו לעבסט נישט פאר יענעם.

**בנוגע** קוקען אויף א ערליכע יוד, יא, דו מעגסט קוקען, דו מעגסט געבן א בליק וכדומה, און שטעל דיך ווייטער דאווענען ווי דו דארפסט צו דאווענען. א מענטש דארף זיין א נארמאלער מענטש, טון וואס דער רבונו של עולם האט פון אים געבעטן. דער אייבערשטער האט געבעטן דאווענען, דאווען פאר אים. קוק נישט אויף א צווייטען, עס אינטערעסירט דיך נישט קיין

צווייטער, טו יעצט וואס דו דארפסט צו טון פארן רבונו של עולם. אז דו פילסט דו ווערסט נתעורר פון א געוויסע זאך, יא, מעגסטו געבן א קוק, און נתעורר ווערן, און צוריקגיין צו דיין עבודת ה'.

*

**א מענטש מעג זיך אנטון א חסידיישע מלבוש לכבוד שבת, ווייסע זאקען, צו א ווייסע וועסטל, מער חסידיש פון וואס ער איז, ווייל זיין רב אדער רבי גייט אזוי?**

**יעדע** מענטש דארף זיך פירן וואס ער איז דערביי. וואס ער איז דערביי, דארף ער טון, און וואס ער איז נישט דערביי, דארף ער נישט טון. עס איז דא זאכען וואס דער רב קען מאכען, און דער רבי קען מאכען, עס מיינט נאכנישט אז יעדער מוז נאכטון אלעס וואס ער האט געטון.

*

**מען מעג קוקען ווידיא"ס, אדער קליפ"ס?**

**חס** ושלום, וואס פרעגסטו? דאס איז א שאלה? צו מען מעג האבן א שייכות מיט קליפות? זיכער נישט! דו זאגסט דאך אליין אז עס איז קליפות. – עס איז נישט קיין נפקא מינה, יונגעלייט צו בחורים, דאס באלאנגט נישט פאר א יוד. עס איז נישט די וועג ווי אזוי א מענטש קען שטייגען.

**איך** גיי נישט רעדן יעצט פונעם עצם הדבר, קוקען קליפס צו נישט, נישט דאס איז עס, דאס איז שוין א פועל יוצא. וואס טוסטו ביי קליפ"ס? ווי אזוי קומסטו אן צו די קליפ"ס? דו ביסט א ערנסטער יונגערמאן, דו האסט צייט, זעץ זיך אראפ לערנען וכדומה! וואס האסטו א שייכות, אז עס זאל אנקומען צו דיר קליפ"ס?! - די עבירה איז נישט די פינעף מינוט וואס דו האסט געקוקט אויף די קליפס. וואס ער האט געזעהן אויף די קליפס, קען ער זעהן אויף די גאס אויך. דו וועסט מיך פרעגן צו איך מעג זיך אפשטעלן אויף די גאס צען מינוט, און קוקען אויף די גאס וואס עס גייט אדורך? די זעלבע שאלה איז ווען דו פרעגסט צו מען מעג זעהן אויף קליפס וואס עס גייט אדורך. דאס איז נישט פאר א ערליכען היימישען יונגערמאן, נישט דאס איז דיין מהלך. די מהלך דארף זיין, צו לערנען און צו דאווענען און צו טון מצות און מעשים טובים. אין דעם דארף זיין דיין מהלך החיים.

*

**מען דארף רעדן צו קינדער וועגן עניני קדושה?**

**אין** בעלזא האט מען נישט גערעדט פון עניני קדושה פאר קינדער. אונזערע עלטערן זענען געווען בעלזער חסידים, איך האב קיינמאל נישט געהערט פון מיין טאטע ז"ל ער זאל מיר זאגען א זאך וואס איז נוגע צו עניני קדושה. צדיקים היינט האבן געהאלטן, אז אין די היינטיגע דור, דארף מען רעדן, און מען דארף מעורר זיין, אז מען זאל וויסן זאכען וואס שטערן אין עניני קדושה. און א יוד דארף זיך פירן ערליך, ער זאל נישט נכשל ווערן אין וואס מען דארף נישט נכשל ווערן. ווען, און ווי אזוי, דאס קען דער מנהל אדער דער מלמד וויסן, לויט די עלטער פון די קינדער, ווען מען קען רעדן, און וואס מען קען רעדן דערפון.

*

**דאס וואס עס שטייט אין די ספרים הקדושים אז א ראיה אסורה איז פוגם אפילו פאר א קליין קינד. וואס דארף מען טון ווען מען וואוינט דא אין שטאט, און קינדער קענען זעהן ראיות אסורות, וואס דארף זיין דער צוגאנג דערצו?**

**עס** איז דא זאכען וואס א מענטש קען זיך נישט היטן. און דאס איז סיי ביי גרויסע און סיי ביי ערוואקסענע. די שאלה קומט אויס אסאך מאל ווען א מענטש קען זיך יא היטן. עס איז זומער, מען איז אין די קאנטרי, און די מאמע פרעגט, צו זי קען מיטנעמען די בעבי אין סווימינג פאא"ל ווען זי גייט? זי וויל נישט לאזן א קליין קינד אליין אין שטוב, זי גייט שווימען צוזאמען מיט די חבר'טס, צו מען מעג מיטנעמען דאס קינד?

אוודאי איז דא א ענין זיך מונע צו זיין. וואס מען קען טון, דארף מען טון.

**אבער** זאגען אז מען דארף האלטן א קינד אין שטוב, און מען טאר נישט ארויסלאזן פון שטוב, 'ער האלט זיך אויך נישט אין שטוב, און ער גייט נישט ארויס, ווייל ער קען נכשל ווערן אין זאכען וואס ער דארף נישט'. מען קען נישט טוישן די וועלט, און מען קען נישט איבערדרייען די וועלט. א מענטש דארף זיין א נארמאלער מענטש. וואס ער קען זיך מונע זיין, דארף ער זיך מונע זיין. און וואס עס איז שווער זיך מונע צו זיין, דארף ער זיך פארלאזן אויפן אייבערשטען.

*

**צו מעג מען פארן קיין מיאמי?**

**די** ווילסט איך זאל דיר געבן א היתר יעצט צו פארן קיין מיאמי? איך געב דיר נישט!
**עס** איז נישט די ווארט מיאמי, מען קען פארן ערגעץ אנדערש און ס'איז ערגער ווי מיאמי, די ווארט איז, מען דארף נישט גיין אויף א פלאץ ווי ס'איז נישט אויסגעהאלטן, נישט פאר די טאטע נישט פאר די מאמע, און הונדערט פראצענט נישט אויסגעהאלטן פאר די קינדער, מען דארף האבן שכל אליינס צו פארשטיין ווי מען קען גיין און ווי מען קען נישט גיין.

*

**א מלמד אין חדר וויל רעדן צו די קינדער וועגן די הארבקייט פון טעכנאלאגיע, און עס זענען דא קינדער אין די מוסד, וואס די עלטערן זענען נישט אזוי מקפיד אויף דעם וואס דער מלמד וויל איבערגעבן. וואס איז דער וועג ווי אזוי דער מלמד זאל עס איבערגעבן, כדי די קינדער זאלן נישט פילן א חסרון אין די כבוד פון זייער טאטע?**

**מען** טאר נישט אוועקמאכען א טאטע אין די אויגן פון א קינד, ווייל דעמאלטס פארלירט דער טאטע זיין גאנצע השפעה שפעטער, וואס ער דארף מחנך זיין א קינד. מען קען רעדן צו די קינדער, אז 'פאר קינדער איז דאס נישט ערלויבט'. פאר קינדער איז דאס א זאך וואס דארף נישט זיין זיינס. א טאטע קען האבן געוויסע סיבות פארוואס ער האט עס יא. און דער אייבערשטער וועט העלפן, ווען דו וועסט ווערן א טאטע, קען זיין אז דו וועסט עס אויך קענען האבן. אבער דאס איז נישט א זאך וואס באלאנגט ווילאנג דו לערנסט אין חדר. דו דארפסט עס נישט האבן. עס איז נישט א זאך וואס באלאנגט פאר דיר.

**עס** איז מעגליך אז דער טאטע מעג עס האבן. עס איז נאכנישט דער טייטש אז דער טאטע איז א שגץ, עס איז דא געוויסע זאכען וואס א מענטש דארף עס האבן פאר זיין פרנסה וכדומה, און ער טוט וואס ער דארף צו טון. עכ"פ מען דארף עס נישט אראפלייגן אין די אויגן פון א קינד, אז זיין טאטע טוט א זאך וואס איז נישט אויסגעהאלטן. – וואס ער טוט אויף מיט די זאך, מאכט ער קאליע נאכדעם, אז דאס קינד איז מער נישט מקבל הדרכה פון זיינע עלטערן.

*

**מעג מען געבן פעטש פאר קינדער?**

**איך** האב באקומען... איך וועל נישט זאגען אז מיין טאטע און מיין מאמע האבן געטון זאכען וואס מען דארף נישט. עס האט זיך געטוישט די וועלט, היינט עכ"פ די וועלט רעדט אז מען זאל נישט געבן קיין פעטש. אבער דאס קומט מיט א צווייטע זאך, דו מוזט עס ערזעצן מיט עפעס אנדערש. דו קענסט עס ערזעצן מיט ליבשאפט, דו קענסט עס ערזעצן אויף קירבות, און דאס זאל מאכען וואס א פאטש האט אויפגעטון אמאל. אין היינטיגע צייטן איז שווער צו געבן פעטש פאר קינדער, אבער קירבות וואס מען קען געבן פאר קינדער, דאס טוט ערזעצן וואס א פאטש טוט פאר קינדער.

**דער ראחמיסטריווקא רבי זצ"ל** האט געזאגט, אז פאר יעדע צען מינוט וואס מען גיט מוסר, דארף מען געבן א שעה קירבות. דאס האט מען

גערעדט נישט פון א טאטע צו א מאמע, נאר פון א מנהל אין א ישיבה. אפילו א מנהל אין א ישיבה, יא, ער דארף אמאל אנשרייען א בחור וכדומה, אבער ער מוז זוכן א פלאץ ווי ער קען שפעטער מקרב זיין דאס קינד.

*

**רבינו שליט"א האט געזאגט ביי די ז' אדר דרשה, אז די עלטערן ווילן נישט אז די קינדער זאלן לערנען מיט קינדער פון שטובער וואס מען פירט זיך נישט אויף געהעריג. און דער רב האט געזאגט, "איך גיי נישט בארעכטיגן אז ס'דארף אזוי צו זיין". פארוואס זענען זיי נישט אינגאנצן גערעכט?**

**די** מציאות האט געוויזען, אונז זעמיר געווען קינדער, אונז זעמיר נתחנך געווארן אין מוסדות ווי עס זענען געווען הונדערטער ערליי שטובער, וואס איינס איז נישט געווען דומה צום אנדערן. נישט עס איז נישט געווען דומה, נאר עס איז געווען ווייט כרחוק מזרח ממערב. א קינד ווערט נישט קאליע פונעם חבר, אז דער חבר פירט זיך אנדערש. ער ווייסט אז דער חבר פירט זיך אזוי, און איך פיר זיך אנדערש. א קינד ווערט געבויט פון דעם וואס ער זעהט ביי די עלטערן אין שטוב. נישט פון דעם וואס ער זעהט אז דער חבר האט אזוי געטון. נישט נאר ער ווערט נישט קאליע דערפון, נאר ער ווערט אויפגעבויט דערפון. די אלע וואס לערנען ווי אלע קינדער זענען די זעלבע, אויף איין מדריגה, ווען ער האט חתונה, צו פאר ער האט חתונה, און ער גייט ארויס אויף די גאס, און ער הייבט אן צו זעהן אז עס איז דא א אנדערע לעבן אויך, פארלירט ער זיך. אבער דער וואס איז אויפגעבויט געווארן פון די יוגענט אן, אז יא עס איז דא אזוי און אזוי, און ביי אונז פירט מען זיך אויף דעם וועג, ביי אונז איז דאס נישט א מהלך. דער באקומט א חינוך פון דער יוגענט אן, אז איך פיר זיך אזוי.

**ווען** אונז זעמיר געווען קינדער, איך גיי צוריק צו מיינע יארן, איך האב געהאט חברים וואס זייערע עלטערן זענען געווען רבנים אין גאר מאדערנע קהלות, קווינס, פאראקוועי, וכדומה, וואס די קינדער דארט זענען גארנישט געווען דומה אפילו צו די רבנישע קינדער. עס האט נישט קאליע געמאכט די רבנישע קינדער. זיי זענען געבליבן די זעלבע ערליך. און נישט נאר זיי זענען געבליבן די זעלבע ערליך, זיי זענען געבליבן מיט א קראפט, יא, איך בין דעם רב'ס זון, יענער איז אנדערש, און איך בין אנדערש פון יענעם.

**למעשה** האט זיך נישט אויסגעשטעלט אז מען ווערט קאליע פון די קינדער וואס זענען דא אינעם קלאס. ווען איינער ווערט קאליע, ווערט ער קאליע פון די גאס, נישט פון די חברים וואס מען איז צוזאמען.

**און** פון די אנדערע זייט איז עס א געוואלדיגע זכות הרבים, וואס מען טוט אויפהייבן א קלאס זיי זאלן טאקע זיין ערליכע קינדער פון יודישע שטובער. זכות הרבים האט אויך א געוואלדיגע זכות, וואס א מענטש איז מזכה אז עס זאל זיך דערהייבן א זאך. - ווענן דעם האב איך געזאגט, אז מען קען עס נישט זאגען. אשרי דער וואס איז זוכה אז דער אייבערשטער העלפט אז די קינדער זאלן זיך פירן ערליך אויפן ריכטיגן וועג.

**ביי די מיידלעך איז אנדערש?**

**ניין**. מיידלעך איז אויך נישט אנדערש, עס האט נישט געוויזען די מציאות אז א קינד איז קאליע געווארן פון א מיידל אין די קלאס. אז מען איז קאליע געווארן, איז מען קאליע געווארן פון די גאס, נישט פון די מיידלעך פון די קלאס.

*

**עס מאכט זיך ליידער היינט מענטשען וואס האבן קינדער וואס גליטשען אין יודישקייט. די שאלה איז, די וועלט פון טעראפיסטן זאגען, אז מען זאל נישט רעדן צו זיי קיין שום זאך ווענגען יודישקייט, נאר מקרב זיין, און אזוי וועלן זיי צוריקקומען. וואס איז דער דעת תורה אויף דעם?**

**עס** איז זייער א שווערע שאלה. ווען א מענטש האט קינדער וואס זענען אראפגעגאנגען פונעם

וועג, איז היינט געווארן א מהלך, אז מען זאל זיי האלטן אין שטוב, און מען זאל זיי לאזן טון אלעס וואס זיי ווילן, מחלל שבת זיין, און מען זאל זיי מקרב זיין, און נישט מרחק זיין. עס איז קיינמאל נישט געווען ביז 2024. א קינד איז געווארן א שגץ, האט מען אים מרחק געווען פונעם שטוב. און כל שכן היינט, ווען עס איז דא קינדער אין שטוב, וואס גייען זיך אפלערנען פון דעם וואס דער זון טוט, און מען זעהט אז מען האלט אויס דאס קינד ווייטער אין שטוב, אזוי ווי מען האט אים אויסגעהאלטן פריער, און עס פעלט אים גארנישט. וויבאלד ער איז געווארן יצא מן הדת, דארף מען פארגעסן פון אים, עס איז נישט מיינס, איך האב נישט מיט אים צו טון. ער איז נישט מיין קינד, איך האב נישט מיט אים קיין שייכות. איך האב אים געברענגט אויף דער וועלט, און איך האב געטון וואס איך האב געדארפט צו טון, און די איבריגע איז דעם רבונו של עולם'ס חשבון. איך דארף האלטן מיין שטוב זאל זיך האלטן ערליך, און נישט אריינברענגען אין שטוב א עובר עבירה, וואס טוט וואס מען דארף נישט.

**איך** רעד עס נאר בכלליות, אוודאי איז דא אין פרטיות זאכען וואס מען דארף אנדערש טראכטען. אבער אין כלליות איז נישט דאס דער מהלך, אז מען דארף אריינברענגען אין שטוב א מחלל שבת. אים לאזן דרייווען אין שבת, און צומאכן דאס מויל, און זאגן גארנישט, כדי מען זאל אים מקרב זיין. דער אייבערשטער וועט העלפן אי"ה, ווען ער וועט קומען צום שכל, וועט ער זיך אליין מקרב זיין, און צוריק קומען צום פאטער'ס שטוב.

*

**עס איז דא א ענין אז א מאמע זאל אויפגעבן די ארבעט, כדי צו קענען מחנך זיין די קינדער?**

**עס** איז א שווערע שאלה. עס איז אמאל יא, און אמאל נישט. אוודאי ווען א מאמע איז אינדערהיים קען זי זיך מער אפגעבן מיט די קינדער. אבער מען דארף וויסן, אז עס איז נישט אזא געבענטשע זאך, אז א מאמע היינט זאל זיין אין שטוב פיר און צוואנציג שעה, און נאר זיין ביז"י מיט די קינדער. עס איז גוט פאר איר ווען זי גייט ארויס אביסל, זי טוט א ארבעט, זי טוט זיך צושטרייען, אוועקגעגאנגען פונעם שטוב, און זי קומט צוריק. מען קען נישט זאגען אז מען מוז זיין אינעם שטוב פיר און צוואנציג שעה, זיין צוגעבינדען צו די קינדער. עס איז אמאל דא וואס עס איז א מעלה פאר עלטערן וואס גייען אוועק פונעם שטוב, אויסבלאזען זיך אביסל, ווי מען רופט עס, זיין פארנומען מיט די ארבעט. און כל שכן ווען עס ברענגט נאך א חלק פון די פרנסה. מען קען עס נישט שטערן, און מען טאר עס נישט שטערן.

*

**קען א פרוי זאגען, אז מזונותיו של אדם זענען קצובים, און אז איך וועל ארבעטן, וועט עס אוועק נעמען פון דיינס. און אז איך וועל נישט ארבעטן, וועסטו ממילא מאכען דאס גאנצע געלט?**

**פרנסה** איז אנגעשריבן פונעם הימל, מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד ראש השנה (ביצה טז.). יעדע פרוטה וואס א יוד דארף מאכען איז אנגעשריבן געווארן ראש השנה. אבער, צו דעם דארף א יוד מאכען זיין השתדלות. און ער דארף מאכען א השתדלות, נישט אז ער קלאפט אריין אינעם טיר, און עס וועט אים קומען די פרנסה. ער דארף מאכען א השתדלות וואס דער השתדלות קען ברענגען דאס וואס מען האט אנגעשריבן אויבן אין הימל. ווען א מענטש ארבעט אויף די שעה, און ער באקומט צוואנציג דאלער א שעה, דער מענטש מאכט נישט קיין השתדלות נאר אויף צוואנציג דאלער א שעה. ער קען נישט מאכן מער. ער וועט ארבעטן פינף שעה, וועט ער פארדינען הונדערט דאלער. ער וועט ארבעטן צען שעה, וועט ער פארדינען צוויי הונדערט דאלער. אבער ער האט נישט געמאכט א פתח ער זאל קענען צוקומען צו מער פון דאס וואס ער קען פארדינען. השתדלות איז דער טייטש, אז א מענטש זאל זיך משתדל זיין אז ער דארף האבן טויזנט דאלער א וואך פאר פרנסה, מוז ער זעהן, ער מיט זיין ווייב וכדומה, וואס ער

קען טון השתדלות, אז נארמאלערהייט זאל ער אריינברענגען טויזנט דאלער פאר פרנסה.

**לויט דעם איז בעסער צו נעמען א דזשאַ"ב וואס האט נישט קיין סע"ט וועידזי"ש, נאר למשל אויף קאמישאַ"ן וכדומה, כדי עס זאל קענען אריינקומען מער געלט?**

**אויב** ער קען, קען ער. עכ"פ דער חיוב השתדלות איז, דו קענסט נישט טראכטען אז דו וועסט ארבעטן א שעה, און דו דארפסט האבען הונדערט דאלער, און דו פארדינסט נאר צוואנציג, אז עס וועט דיר אריינפאלן נאך אכציג דאלער פאר דיין פרנסה.

**ארבעטן** אויף קאמישא"ן איז א זאך וואס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען. און אז ער טוט א זאך וואס די קאמישאן קען ברענגען כך וכך, האט ער געטון זיין השתדלות.

*

**א מענטש מעג ממעט זיין אין זיין פרנסה, כדי עוסק צו זיין בצרכי ציבור?**

**בפשטות** נישט. פרנסה איז די ערשטע זאך וואס א מענטש דארף ברענגען אין שטוב. אויב ער קען טון אין צרכי ציבור אויך, דארף ער עס צוגעבן צו דעם וואס ער קען טון. מען קען נישט מגרע זיין, נישט אריינברענגען אין שטוב זיין פרנסה, ווייל ער דארף טון פאר פרעמדע. טון פאר די ווייב און די קינדער, איז די ערשטע צרכי ציבור וואס א מענטש דארף טון.

*

**איז דא א ענין נישט צו נעמען די רעגירונג פראגראמען, אזוי ווי פו"ד סטעמפ"ס, צוליב כח הפועל בהנפעל?**

**עס** איז נישט דא קיין כח הפועל בהנפעל אין א זאך וואס קומט זיך פאר א מענטש ערליך פון די רעגירונג. א מענטש צאלט שטייער, און יעדע רעגירונג האט זיין מהלך וואס מען דארף טיילען פאר מענטשען. דאס איז טייטש, אז די רעגירונג באקומט טעקסע"ס פון מיליאנען מענטשען, מיליאנען דאלערס, כדי זיי זאלן עס צוטיילען, לויט ווי דער קאנגרע"ס האט מחליט געווען, אז מען זאל עס צוטיילען. אז דער וואס האט נישט קיין פרנסה, זאל האבען צו עסן. און דער וואס דארף א דאקטער, זאל האבן א דאקטער. אויף דעם האט מען צוזאמגענומען דאס געלט, און ער נעמט זיינס וואס עס קומט זיך אים ערליך על פי דין. - ווילאנג ער האט נישט, קען ער לעבן אויף דעם. ווען ער האט, זאל אים דער אייבערשטער געבן אז ער זאל קענען לעבן אויף די אייגענע פוס. אבער ווילאנג ער האט נישט, האט ער א רעכט עס צו נעמען.

*

**עס איז געראטן צו מאכען לייף אינשורענ"ס?**

**אלע** גדולי ישראל האבן געהאלטן אז עס איז נישט דא דערין קיין שום חסרון אין בטחון, אז א מענטש טוט זיך פארזיכערן. א יונגערמאן פון פינף און צוואנציג יאר, דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל האבן אריכת ימים ושנים, אבער טאמער ער גייט אוועק פון די וועלט, וועט איבערבלייבן א אלמנה און א יתום, און ער וועט נישט קענען חתונה מאכען די קינדער, יא, עס איז דא א ענין אז א מענטש זאל מאכן א לייף אינשורענס, ווייל א מענטש דארף טון בדרך הטבע וואס ער קען טון. עס איז נישט קיין חסרון אין בטחון, ער זאל זאגען איך פארלאז זיך אויפן אייבערשטען, דער באשעפער וועט שון העלפן אז עס וועט גארנישט פאסירן. דו דארפסט טון וואס מען קען טון.

**די** זעלבע איז פייער אינשורענס, וויבאלד אין דרך הטבע איז אזוי אויסגעשטעלט אז א מענטש מאכט אינשורענס אויף פייער, אויב עס וועט פאסירן ל"ע א פייער. און אפילו עס פאסירט דער ווייטאג וואס א מענטש האט פון א פייער, אבער עס מוז נישט זיין אז עס זאל פאסירן אויך דער הפסד וואס א מענטש האט פון דעם פייער.

**בעסער** מסביר זיין. ביי א פייער געשעהנט צוויי זאכען, עס געשעהנט אז ער פארלירט אלעס וואס ער האט געהאט, און אפילו מען זאל אים באצאלען דערפאר, איז דא דער ווייטאג פון זיינע חפצים וואס ער האט געהאט, דאס קען מען נישט אוועקנעמען. אבער דאס מיינט נישט אז אויב איך קען זיך באווארענען, אז די געלט חלק וואס איך האב געהאט זאל איך צוריק באקומען, איז נישט קיין חסרון פון בטחון אינעם אייבערשטען.

*

**ווען איז די צייט ווען א מענטש דארף טראכטען פון אנפאנגען שרייבן א צוואה? און וואס דארף ער שרייבן אין די צוואה?**

**א** מענטש דארף שטענדיג טראכטען וואס עס וועט פאסירן. מען קען קיינמאל נישט וויסן ווען עס קומט אן די צייט. א מענטש דארף זיך מסדר זיין ביי א געלעגנהייט, ווען ער ווערט אביסל עלטער, טראכטען וואס עס קען זיין שפעטער, וואס עס איז נוגע פאר די קינדער און פאר די אייניקלעך, און מאכן א געוויסען סדר, אז עס זאל נישט אויסקומען שפעטער א מחלוקת אין די משפחה.

**איך** גיי נישט אריין אין די פרטים, עס איז זייער שווער, ווייל יעדע משפחה איז אנדערש, יעדע שטוב איז אנדערש. על פי דין תורה האבן נאר די זון א חלק אין די ירושה, און נישט די ווייב. מען זאל געדענקען, זי איז נישט א בעל הבית שפעטער ווען דער מאן איז געשטארבען. און די טעכטער האבן נישט א חלק אין די ירושה. ווילאנג מען האט עס נישט ארויסגעשריבן בפירוש, געהערט אלעס פאר די זון.

**וויפיל** מאל קומט אויס אז מען פרעגט מיך, וואס קען מען טון, אז דער טאטע איז געשטארבען, און די מאמע טוט מיט די געלט וואס זי וויל. זי פילט אז זי איז ווייטער די מאמע אין די שטוב, און זי קען טון וואס זי וויל. עס איז נישט אויסגעהאלטן על פי דין תורה! על פי תורה קען א פרוי גארנישט טון. זי באקומט איר כתובה, נאר דאס באלאנגט פאר איר, און די איבריגע פארמעגן געהערט פאר די זון. און אז מען האט שכל, טוט מען זיך ביים לעבן מסדר זיין, יעדער איינער ווי אזוי ער פארשטייט, וואס ער דארף צו געבן סיי פאר די ווייב, און סיי פאר די טעכטער. היינט איז געווארן אין די וועלט, עס איז א פרייע וועלט וכדומה, און וואס מען האט, צוטיילט מען פאר די זון און די טעכטער, אדער די זעלבע, אדער כמעט די זעלבע. מען לאזט איבער א חלק אויך פאר די טעכטער, און אויך פאר די ווייב. אבער עס דארף זיין קלאר ארויסגעשריבן פאר דעם. עס איז נישט גענוג וואס מען רעדט און וואס מען זאגט, עס העלפט נאר ווען עס איז אונטערגעשריבן דורך צוויי עדים, מיט א רב וואס האט עס באשטעטיגט. מען דארף עס אויסארבעטן, אז ער זאל עס מקנה זיין בחייו, פאר מען איז אוועק פון די וועלט, וואס מען גיט פאר די טעכטער, און פאר די ווייב. טאמער מען האט עס נישט ארויסגעשריבן געהעריג, האבן זיי נישט קיין חלק אין די ירושה.

*

**הבדחן: איז דאס אויסגעהאלטן, אז בשעת מען האט אויסגע'הרג'עט און גע'שחט'ן גאנצע יודישע משפחות אין ארץ ישראל, זאל זיין רבי'שע שמחות, אדער בעל בית'שע שמחות, וואס מען זאל ברענגען א מענטש זאל זיי מאכען לאכען. יודען אין ארץ ישראל לעבן אין א פחד און אין א שרעק, און דא אין אמעריקא איז כאילו לא היה, איז דאס אויסגעהאלטן?**

**עס** איז זייער שווער צו ענטפערן דערויף. אוודאי דארף א יוד מיטליידען מיט יעדע צרה וואס איז דא ביי כלל ישראל. עס שטייט אין די גמרא (תענית יא.) אז בשנות הרעב טאר מען נישט וואוינען צוזאמען. יוסף האט געהאט זיינע קינדער אין מצרים, נאך פאר מתן תורה, ווילאנג עס איז נישט געווען די שנות הרעב. ווען מענטשען זענען אין א צרה, דארף א יוד זיך נישט אונטערהאלטען מיט פרייליכקייט.

**אבער** פון די אנדערע זייט. יעדען יוד טוט עס וויי, יעדער יוד ווייטאגט אויף א צרה וואס איז דא. מען איז מתפלל וכדומה. אבער מען קען נישט גיין מיט א ארעפגעלאזטע נאז, און פארלירן די שמחת החיים, ווייל עס האט עפעס פאסירט,

סיי דאהי, און סיי עס האט פאסירט אין ארץ ישראל. עכ"פ ווען 'דו' דארפסט דרש'ענען, מען רופט דיך נישט אינמיטן א זונטאג צו דרש'ענען און פרייליך מאכען אין שטאט. מען רופט דיך צו א שמחה, צו א בר מצוה, צו א חתונה, צו כדומה, צו א זמן פון שמחה. מען האט נישט צוריקגעהאלטען קיין יודישע שמחה ווייל עס איז געווען א זמן פון א עת צרה ביי יודען. מען זאל זאגען אז מען טאר נישט חתונה מאכען אין די טעג, ווייל עס איז דא א עת צרה ביי יודען.

**אמת**, דאס דארף מען יא געדענקען, אפילו יעצט ווען אונז זיץ מיר דא, איז א עת צרה פאר כלל ישראל. יודישע קינדער ווערן גע'הרג'ט און גע'שחט'ן, טאג טעגליך פאלען אוועק יודישע קינדער, און מען דארף מתפלל זיין אויף זיי. און דאס זענען אונזער תפלות וואס מען איז מתפלל יעדן טאג ביים דאווענען, וכל הקמים והחושבים עלי לרעה, מהרה הפר עצתם וקלקל מחשבתם. מען איז מתפלל יעדן מאל. אבער זאגען אז מען קען זיך נישט פרייען, און מען דארף אריינברענגען א מרה שחורה אין כלל ישראל, ווייל עס איז דא א עת צרה, קען מען אויך נישט זאגען.

**עס** איז זיכער דא א ענין אז יעדער יוד זאל ממעט זיין עפעס אין א געוויסע זאך, ער זאל זיך משתתף זיין בצרתן של ישראל. וואס איז עס אנדערש פון דעם וואס עס שטייט בשנות רעבון, ווען עס איז דא א הונגער יאר איז די הלכה אז א מענטש דארף זיך מונע זיין אפילו פון א זאך וואס איז א מצוה מן התורה. - ווען עס איז דא א עת צרה, דארף א יוד זיך משתתף זיין בצרתן של ישראל. - בצרתן של ישראל מיינט נישט דוקא אין ארץ ישראל, נאר ווען דיין חבר האט א צרה, דארפסטו דיך אויך משתתף זיין אין די צרה.

**איז דאס אויך נוגע פאר א רוחניות'דיגע צרה.**

**עס** איז מסתבר אז עס איז נישט קיין חילוק. מסתבר איז, אז וואס עס איז שייך א צרה ביי כלל ישראל, דארף זיך יעדער יוד משתתף זיין. אונז זעמיר איין פאלק, אונז זעמיר א גוף אחד, וואס עס טוט וויי פאר אנדערע יודען, זיי זענען אין א עת צרה, דארף מען זיך משתתף זיין דערמיט.

*

**מען דארף מורא האבן פון א עין הרע?**

**עס** איז א גרויסע ביזנעס היינט. איך וויל נישט קאליע מאכען זייער ביזנעס. עין הרע איז א גרויסע זאך, אז מען טאר נישט געבן א עין הרע. יעדער ביי זיך אליין דארף אכט געבן, אז ער זאל קיינמאל נישט קוקען אויף דעם וואס דער חבר האט, מיט א שלעכט אויג. מען קען קיינמאל נישט ניצול ווערן דערפון. אז די גמרא (בבא מציעא קז:) זאגט, אז צ"ט זענען מתים בעין הרע, איז דאס א מציאות. מען קען עס נישט באווארענען. איין זאך וואס מען קען יא באווארענען, א מענטש זאל נישט האבן א שלעכט אויג אויף יענעם, איז במדה שאדם מודד מודדין לו (סוטה ח.), העלפט דער אייבערשטער אז מען זאל נישט האבן קיין שלעכט אויג אויף אים אויך, עס זאל נישט שולט זיין.

**עכ"פ** ביי אונז האט מען געטון איין זאך פאר עין הרע. אין אונזערע צייטן האט מען עס גערופן, מען האט געלאשען קוילן. עס איז דא א געוויסע נקודה וואס די אלטע באבעס פלעגן צו טון, וואס מען האט מיט דעם אויסגעלאשען א עין הרע. וואס מען האט געטון האט מען געטון, אבער מען קען נישט זיין ביז"י דערמיט. אז מען וועט זיין ביז"י מיט עין הרע, וועט מען זיין ביז"י דאס גאנצע לעבן. איין זאך, מאך נישט קיין אויפפאלענדע זאכען וואס זאל ברענגען א עין הרע. מאך נישט קיין פענס"י דירה, וואס יעדער זאל עס אנקוקען, און יעדער זאל זאגען וואה"א. דאס דארפסטו נישט טון. דו זאלסט זיך אליין היטן, נישט נאכדעם גיין זוכען אז מען זאל דיר אויסלעשן די עין הרע.

**צו גיין מיט א רויט בענדל אקעגן עין הרע, האט א מקור?**

**וואס** די באבעס האבן געטון קען מען נישט אוועקמאכען. וואס מען טוט וואס די באבעס האבן געטון, קען מען נאכטון. מיין רעבעצין גיט מיר א שטיקל קנאבל אין די בעקיטשע איך זאל אנהאבן, איך ווייס נישט פון וואו עס שטאמט, אבער עכ"פ איך האב א קנאבל אין טאש. אז די רעבעצין הייסט אזוי, פאלג איך...